# פוילע טאבעלע פון דער מלוכה־לאטעריע — זעה 3 זייט


Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראשען | היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 39 | Łódź, Wtorek, 14 lutego 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, י״ח שבט תרצ״ג | № 39

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


# סיים אנגענומען דעם מלוכה־בודזשעט

## יודישע קאלא געשטימט געגען בודזשעט

ווארשא, 13 (טעלעפאניש פון אונזער קאר־רעספאנדענט) בעכטען פארמיטאג האט דער סיים אנגעהויבען בעטראכטען דעם מלוכה׳שען פרעלי־מינאר־בודזשעט אין דער דריטער לעזונג.

צו דער זיצונג איז געקומען די רעגירונג אין פולען קאמפלעט מיט׳ן פרעמיער פריסטאר בראש. א חוץ זיי זענען געקומען צו דער זיצונג א סך העכערע מלוכה־בעאמטע פון פערשידענע מי־ניסטעריומס.

דער זאל איז פול.

די דריטע לעזונג האט זיך אנגעהויבען מיט א רעדע פון גענעראל־רעפערענט דעפ. מיעדזשינ־סקי, וועלכער האט פאלימיזירט מיט דער אפאזיציע און האט נאכאמאל בעגרינדעט דעם פארגעלעגטען בודזשעט.

דעפ. מיעדזשינסקי האט אויך פערזיכערט, אז די רעגירונג נעהמט אויף דעם קאמף, וואס די אפאזיציע האט פארגענומען און דערביי האט דער רעדנער אויפמערקזאם געמאכט, אז א אַרבייטער און פויערים־רעגירונג, מיט וועלכע די לינקע וואל־טען געוואלט פערטרעטען דעם איצטיגען סיסטעם, וואלט נאר פערערגערט די לאגע.

אין נאמען פון „קלוב נאראדאווי" האט דעפ. סטראנסקי אפגעגעבען א דעקלאראציע, אין וועלכע ער האט ערקלערט, אז זיין קלוב וועט שטימען געגען בודזשעט, ווייטער ווערט אין דער דעקלא־ראציע געמאכט א רייה פארוואורפען דער רע־גירונג און די ב.ב.־דעפוטאטען רייסען איהם אי־בער מיט צווישענרופען.

דער רעדנער שטעלט זיך אויך אפ אויף היט־לערס ערקלערונג וועגען אפנעהמען פאמערן ביי פוילען און זאגט, אז די גאנצע פוילישע געזעל־שאפט איז דעצידירט צו פערטיידיגען יעדען שפאן פון דער פוילישער ערד.

אין נאמען פון „קלוב לודאווי" ערקלערט דעפ. רוג, אז זיין קלוב וועט שטימען געגען בודזשעט.

די דעפוטאטען ניעדזיאלקאווסקי (פ.פ.ס.) און פוליאן (כ.ד.) האבען אויך ערקלערט, אז זייערע קלובען וועלען שטימען געגען בודזשעט.

דעפ. ד״ר טהאן (יודישע קאלא) האט אויך ערקלערט, אז זיין קלוב וועט שטימען געגען בו־דזשעט.

די דעפוטאטען לוצקי (אוקראינער) און יערע־מיטש (ווייס־רוס) האבען ערקלערט, אז זיי וועלען זיך אפהאלטען פון שטימען.

צום סוף האט נאכאמאל גערעדט דער גענער־ראל־רעפערענט און מען איז צוגעטרעטען צו דער אפשטימונג.

דער בודזשעט איז אנגענומען געווארען.

## ערד־ציטערניש אין כינע

### 70,000 מענשען זענען אומגעקומען

לאנדאן, 13 (ספ. טעל.) ערשט איצט האט מען זיך דערוויסט, אז דעם 26 דעצעמבער פ. י. איז אין מיטעל־כינע פארגעקומען א ערד־ציטער־ניש, וואס האט חרוב געמאכט מעהרערע שטעט און דערפער.

70,000 מענשען זאלען זיין אומגעקומען.

## פערטיידיגער פון „צענטראלעוו" גיבען אן א קאסאציע

### אויפ׳ן אורטייל פון אפעלאציע־געריכט

ווארשא, 13 (טעלעפאניש פון אונזער קאר־רעספאנדענט) די פערטיידיגער פון די כע־אורטייל־טע אנפיהרער פון „צענטראלעוו" גיבען אן א קא־סאציע אין העכסטען געריכט אויפ׳ן אורטייל פון אפעלאציע־געריכט.

ווי מען גיט איבער האבען די פערטיידיגע־נעכטען אויפסניי איבערגעגעבען אין אפעלאציע־געריכט זייערע פולמאכטען, ווייל אויפ׳ן אפעלא־ציע־פראצעס האבען א טייל בעשולדיגטע בעפרייט זייערע פערטיידיגער פון זייערע פולמאכטען, אזוי, אז זיי האבען אויפגעהערט צו זיין אפיציעלע פער־טיידיגער אויפ׳ן פראצעס.

לויט דער פראצעדור איז פאר־אויסגעזעהן א טערמין פון 3 טעג אויף אנצומעלדען א קא־סאציע, נאכדעם שיקט דאס געריכט איבער די מאטיווען פון אורטייל צו די פערטיידיגער, וועלכע האבען נאך פון דעם טאג אן, א טערמין פון 7 טעג אריינצוטראגען א קאסאציע אין העכסטען געריכט.


ZAKŁADY TOMASFOSFATOWE
Sp. z ogr. odp.
Hurtownia nawozów sztucznych
Katowice, ul. Kopernika 14.
Dostarcza: tomasynę
oraz wszelkie inne nawozy sztuczne.



א הערצליכען מזל־טוב ווינשען מיר
אונזער פערוואלטונגס־מיטגליד און סעק־רעטאר
ח׳ ח. י. גאטליעב און פרוי
צום געבורט פון זיין ערשטע טאכטער
די פערוואלטונג
פון שטריקער־מייסטער־פעראיין.



אויגען־קליניק
מיט שטענדיגע בעטען פון
Dr. B. Donchin
פיעטריקאווער 90, טעל. 221-72
נעהמט אן שטענדיגע אויגען־קראנקע (צוועק אפע־ראציע א.ז.וו.), ווי אויך אמבולאטאָרישע פון 9–1
און פון 4 ביז 7.30 אוועגד.



Café „Atlantic"
Łódź, 48 Piotrkowska 48, tel. 162-11
מיט׳ן היינטיגען טאג אן
טרעט אויף אין אונזער לאקאל דער בעקאנטער פון די לאדזער רעווי־טעאטערס
Oleś Gronowski
וועלכער וועט אויפטרעטען אין זיין הומאריסטישען פראגראם, וואס בעשטעהט פון די נייעסטע לידלעך און סקעטשען און ווילען דאס ג׳ פובליקום.
נארמאלע פרייזען! נארמאלע פרייזען!



כשר | כשר
היינט, דינסטאג, 5 א זייגער נאכמיטאג
קומט פאר די פייערליכע ע ר ע פ נ ו נ ג פון ערשטקלאסיג איינגעארדנעטען
לויט׳ן אייראפעאישען סטיל
באר „מאנאפאל"
28 זשעלאזנא 28
אונטער דער לייטונג פון בעוואוסטען ערשטקלאסיגען אייראפע־אישען פאכמאן אין דער קולינאר־קונסט מאקס ווינאדני.
צוליב׳ן גרויסן קריזיס ווערט ארויסגעגעבען מיטאגען פון 4 שפייזען און געפליגעל 125 זל.
פון 3 שפייזען 75 גר.
אוועגדברויטען 75 גר. פריהשטיק פון 3 שפייזען 60 גר.
בעדינונג פריי! סאלידע בעהאנדלונג! קומט און איבערצייגט אייך!
כשר | כשר



יובילעי־קאמיטעט לכבוד פראפ. י. פיוווישיס אין לאדז.
זאל פילהארמאניע (נארוטאוויטש 20)
זונטאג, דעם 19 פעברואר 1933, 8.45 אוועגד קומט פאר א פייערליכע
יובילעי־קאנצערט־אקאדעמיע
לכבוד פראפ. י. פיוווישיס
צום 20־יעהריגען יובל פון זיין מוזיקאלישע טעטיגקייט און 10־יעהריגע ארבייט אין לאדז.
— אין — פראגראם
I. אקאדעמיע, דערעפנונג – רעד. לאזאר פוקס, בעגריסונגען.
II. קלאסישע מוזיק – פראגמענטען פון הענדלס ארטאריום „יהודה המכבי" און מענדעלסאנס 42 פסאלם אויסגעפיהרט פון „שיר־כאר", לאדזער פילהארמ. ארקעסטער, סאפראן סאלא – פרל. ס. קראפיווניק. III. יודישע פאלקסלידער ארראנזשירט פון י ו ב י ל א ר אויסגעפיהרט פון „שיר"־כאר.
ביים קלאוויר: פרל. ל. לאקס.
בילעטען פון 75 גר. ביז 3.50 צו בעקומען אין פילהארמאניע.


נעכטען מאנטאג אינדערפריה איז געשטארבען

# חיה גארפינקעל

אין עלטער פון 69 יאהר

די לויה קומט פאר היינט, דינסטאג, ד. 14 פעברואר 1933, 2.30 נאכמיטאג פון טהרה־הויז אויפ׳ן בית־עולם.

די משפחה.


פאר גאלד, בריליאנטען, ביזשוטעריע און לאמבארד־קוויטעס צאהלט די העכסטע פרייזען
איזידאר פיאלקא
פיעטריקאווער 7. 5203

